אונגעהויערע שאנטאזש־אפערע זעה 4-טע זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 111 | Łódź, Piątek, 13 maja 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ז׳ אייר תרצ״ב | № 111

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

נאך קורצע שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 45 יאהר מיין היסגעליבטע פרוי, אונזער טייערע און אונפערגעסליכע מוטער, טאכטער, שוויגערמוטער, שוועסטער, שוועגערין און מאנטע

ני״ע פערל אשת אברהם נ״י געלאסען

(געבוירען גרינשטיין)

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, דעם 13-טען מאי 1932. 12 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז פיעטריקאווער 108, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די אין טיפען טרויער פערבליבענע מאן, זוהן, טעכטער, שוויגערזאהן און פאמיליע.

3094

פרייטאג, פ׳ בהר, י״ד אייר (פסח שני) איז דער טרויער-טאג פון אונזער יודישער געמיינדע. אין דעם טאג איז אונזער אונפערגעסליכער גאון, באליבטער מנהיג ישראל, ראש כבה״ג מרן רבנו

אליהו חיים ב״ר משה זצ״ל מייזעל

אב״ד דקהלתנו נפטר געווארען.

די פערוואלטונג פון דער תל גר תורה, וואס איז געשאפען געווארען ע״י רבנו זצ״ל ערלויבט זיך צו בעטען אלע אונזערע חברים, גבאים פון די שוהלען, פתי-מדרשים, שטיבלעך און חברות זיך משתדל צו זיין, אז די נדרים ביי דער אזכרה שבת קודש פ׳ אמר, ווי אויך די נדרים ביי די עליות א גאנצען חודש זאלען געהען לטובת הת״ת זי״ע און די רשימות פון די מנדבים צו שיקען פון קאנצעלאריע פון דער ת״ת יעקובא 6.

די פערוואלטונג.

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל און ביילייד דריקען מיר אויס אונזער חשוב׳ן סטארשי אברהם געלאסען צוליב׳ן טויט פון זיין אונפערגעסליכע פרוי

פערל נ״ע

מיר בעטען אלע אונזערע מיטגלידער אנטיילצונעמען אין דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, פרייטאג, דעם 13. מאי, 12 א זייגער פון טרויער-הויז פיעטריקאווער 108.

די פערוואלטונג פון שניידער־צעך פאר דער שטאט לאדז,

אין לאדז, פיעטריקאווער 20.

3095

פילהארמאניע־זאל

נארוטאוויטשא 20.

דינסטאג, דעם 17. מאי ה. י. 8.30 אווענד קומט פאר

א גראנדיעזער קאנצערט

אויסגעפירט דורכ׳ן כאר פון לאדזער יוד. מוזיק-פאריין

„שיר"

אין פראגראם: פראגמענטן פון

היידנס אראטאריום

1) „מעשה בראשית"

2) קלאסישע מוזיק

3) יוד. פאלקס־לידער

דירעקציע: פראפ. י. פיווישיס.

סאליסטן: ס. קראפיווניק (סאפראן) / ה. קארן (טענאר) / ס. לעוויטין (באס)

ביים קלאוויר: פרל. ל. ראקס.

בילעטען פון 1 זל. ביז 3.50 צו בעקומען אין קאסע פון „פילהארמאניע".

# די בילדער-אויסשטעלונג פון דרום-פראנקרייך פון איגנאצי הירשפאנג

איז די סאלאנען פיעטריקאווער גאס 74 פראנט, 1. שטאק

אפען פון 10 פריה ביז 10 אוועבד. ● איינטריט 50 גראשען

הנחה-בילעטען 25 גר. ●● יעדער בעזוכער קען געווינען א ווערטפול קונסט-בילד.

---

**פיעטריקאווער 14**

גערענק! אז דעם 19-טען מאי הויבט זיך אן די ציהונג פון דער 1-טער קלאס

גערענק! אז א גרויס גליק ווארט אויף דיר

גערענק! אז ביי דער לעצטער לאטעריע איז אין מיין גליקליכער קאלעקטור געפאלען דאס געווינס פון 30.000 זל. אויף נומער 89011

גערענק! קויפען זאלסטו א לאס נאר אין דער גליקליכסטער קאלעקטור פון

# F. BRAJTSZTAJN

**PIOTRKOWSKA 14**

**Tel. 142-47.**

גערענק! מיין אדרעס, אויב דו ווילסט פטור ווערען פון דאגות

גערענק! אז דער הויפט-געווינס איז 1.000.000 זל.

גערענק! אז פאר א קליינע סומע קענסטו רייך ווערען

גערענק! אז יעדער צווייטער לאס געווינט

גערענק! אז דורך אונז זענען א סך מענשען גליקליך געווארען

גערענק! די צייט איז קורץ, אייל זאפארט אין אונזער קאלעקטור.

**פיעטריקאווער 14**

טעל. 142-47 טעל. 142-47

---

נארוטאוויטשא — 20 — **זאל פילהארמאניע** נארוטאוויטשא — 20 —

## אבער-קאנטאר משה קוסעוויצקי אין לאדז!!!

דעם שבת פ' אמור (14. מאי 1932) פרייטאג-צונאכטס קבלת שבת, צומארגענס אום 9 פריה שחרית און מוסף, וועט דאווענען דער ווארשעווער אויבערקאנטאר פון דער טלאמאצקער סינאגאגע

# ה' משה קוסעוויצקי

און דאס מאל איבעראשען די מתפללים מיט זיינע הארציגע תפילות.

אינ'ם דאווענען בעטייליגט זיך דער לאדזער פראפעסיאנעלער גוט-איינשטודירטער כאר מיט דעם טאלאנט-פולען דירינענט **הערץ רובין**, עס וועט אויסגעפיהרט ווערען די וייכטע קאמפאזיציעס פון זיין רעפערטואר:

**פרייטאג-צו-נאכטס:** כי נפלאות עשה, שמעה ותשמח ציון, לכה דודי—בלומענטאל. טוב להודות, השכיבנו, ושמרו, ויכלו, מגן אבות, ספירה, רבונו של עולם — פון קאמפ. ישראל רובין.

**שבת פריה:** בפי ישרים, אל אדון ערשטע קדושה, אין כמוך, אב הרחמים, ובנוחה יאמר, צווייטע קדושה, הוא אלהינו—קאמפ. ישראל רובין רצה — שלאסבערג.

די איינטריטס-קארטען זענען ערמעסיגט פון 1 זל. ביז 2 זל. — בילעטען-פערקויף: אין קאסע פון פילהארמאניע, ביי ה' י' זעלמאנאוויטש עק פיעטריקאווער און פאלודניאווע

בעמערקונג: פאר פרויען בעזונדערע רעזערווירטע פלעצער 2786

---

## ASEKURACJA ■ פערזיכערונגען

פון פאבריקען געגען פייער, אלער ארט סחורה-לאגערן געגען פייער און גנבה.

## וואוינונגען געגען פייער און גנבה

ווי אויך טראנספארט-פערזיכערונגען פיהרט אויס רעעל און פינקטליך אויף גינסטיגע בעדינגונגען

## מרדכי חיים רומקאווסקי

קילינסקיעגא 105, טעל. 112-50.

2661

---

36 טוך- און קארט-לאגער 36

# B^CIA A. i R. MILGROM

fr., I piętro **PIOTRKOWSKA 36** telef. 225-95

מיר עמפפעהלען צום פריהלינג און זומער-סעזאן

די נייעסטע **אנצוג- און פאלטא-שטאפען**

פון די בעסטע בּיליצער, טאמאשאווער און לעאנארד'ס. ווי אויך דאמען-טענטעל

**גרויסער אויסוואהל!**

36 הורט און דעטייל! ■ ביליגע פרייזען! 36

פיעטריקאווער 36 פיעטריקאווער 36

---

דאס ניי-ערעפענטע

# טוך- און קארט-געשעפט

אויף **פעטריקאווער 23,** פראנט, 2. שט. טעל. 226-39

מאכט בעקאנט, אז צום איצטיגען פריהלינג- און זומער-סעזאן עמפפעהלט דעם רייכסטען אויסוואהל פון די מאדערנסטע **דאמען- און הערען-שטאפען** פון די בעסטע בּיליצער, טאמאשאווער און לעאנארד'ס סחורות

**צו קאנקורענץ-פרייזען.**

בעזוכט אונז און איהר וועט זיך איבערצייגען!

# M. TAZBIR

מיט אכטונג

לאנגיעהריגער מיטארבייטער פון ק. מילגראם

**לאדז, פעטריקאווער 23**

פראנט, 2-טער שטאק.

**הורט און דעטייל**

---

טוך- און קארט-געשעפט

# HERMAN WŁOSKI

לאדז, נאוואמיעסקא 3, טעל. 114-92, פראנט 2-טער שטאק

עמפעהלט צום איצטיגען פרילינג און זומער-סעזאן דעם רייכסטן אויסוואל פון די נייעסטע

## דאמען- און הערען-שטאפען

ווי: לאדזער, טאמאשאווער, ביליצער און אויסלענדישע אויסארבייטונגען.

בעסטע קוואליטעט! נייעסטע מאדע! פאבריקס-פרייזען! הורט און דעטייל!

---

## לעכער

אויף דער מאשין ווערען אויסגענייט

שרודמיעסקא 8.

---

# איילט צום גליק!

## און קומט קויפען א גליקליך לאס

נאר אין דער איינציגער גליקליכער קאלעקטור וואו עס זענען שוין פיל מענשען גליקליך געווארען ביי מיר.

**הויפט-געווינס:**

# א מיליאן זלאטעס

די ציהונג פון דער 1-טער קלאס פון דער 25. מלוכה-לאטעריע קומט שוין פאר דעם 19. און 20. מאי

מיט אכטונג

# י. ה. ליטמאן

**32 פיעטריקאווע 32**

טעלעפאן 144-72

פאלגענדע הויפט-געווינסען זענען געפאלען אין אונזער גליקליכער קאלעקטור

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| פרעמיע 300.000 | זל. נר. | 42630 | 10.000 | זל. נר. | 12082 |
| 50.000 | „ „ | 101750 | 10 000 | „ „ | 42615 |
| 50.000 | „ „ | 72886 | 10.000 | „ „ | 87801 |
| 30.000 | „ „ | 16695 | 10.000 | „ „ | 152714 |
| 20.000 | „ „ | 145049 | 10.000 | „ „ | 74742 |
| 15.000 | „ „ | 182813 | א. ז. וו. | כל הקודם זכה! | |

---

מאנטאג, פ' בהר (16 מאי), 5 א זייגער נאכמיטאג, קומט פאר אין לאקאל פון „חסד-של-אמת", פיעטריקאווער 34

# א פארוואהל-פערזאמלונג

צו וועלכען עס ווערט געבעטען אלע חברים פון ועד-המתעסקים און פאהרערס פינקטליך צו ערשיינען.

3104

**א גרופע מיטגלידער.**

---

## בבית הכנסת דווילקא

תערך מחר ביום ש"ק פ' אמר אחרי קריאת התורה לנשמת האי סבא קדישא רשכבה"ג מרן

# אלי' חיים מייזל זצללה"ה

אב"ד דקהלתנו בהשתתפות הרב ה"ג הדרשן המופלא מור'

## נחום יוסף שי' גורעליק

**ועד התלמוד תורה**

3081 על שם מרן הגאון רבנו זצללה"ה.

---

## שטרענגע התראה

די גרויסע מכשולים פון געשאכטענע עופות ביי ווינקעל-שוחטים האט דערגרייכט, אז מען פערקויפט גצ'פגר'טע עופות אלס כשר, דעריבער איז נאר כשר אזא געשאכטען עוף, וואס האט א בלע-כענע בלאמבע אויף די פולקע, מיט דער אויפ-שריפט „אויפזיכט פון ראבינאט און ועד הכשרות ביי דער קהלה" מיט די דאטע פון דער שחיטה, אהן בלעכענע זאגאר א פאפירענע בלאמבע איז טרפה און א שאלה אויף די כלים.

**התראה צו די קצבים און געגזלער!**

מיר זענען שטרענג מתרה אלע געגנז-דערס און יאטקע-אינהאבערס. אז מען וועט קאנטראלירען און וואו מען וועט טרעפען אהן בלעכענע בלאמבע, וועט ווערען בעטראכט אלס מכשיל הרבים און דער ווע[?] ווערע[?] גפאסר'ט. דער ראבינאט גייט קאנטראלירען.

**ועד הרבנים עם ועד הכשרות**

**בעמ.:** דער געגזלער משה בראנסקי און זיין פרוי רה' משע, וסבארגיא 5, ביי טיביך, האבען גישט קיין נאמנות אויף כשרות, טאר מען נישט קויפען ביי זיי און ווער ס'האט געקויפט ביי זיי א"ס כשר, איז א שאלה אויף די כלים

## ווער גיט א „פאזשיטשקע"?

### געענטפערט פוז אנ׳ „אייגענעם"

איהר זענט דאך געווען אין אויסלאנד, נו, וואס הערט זיך עפעס וועגן אונזער „פאזשיטשקע"?

— כ׳בין געווען אין פראנקרייך, זי האט געלד, נאר...

— נאר וואס?

— נאר זי וויל אונז נישט געבען. כ׳בין אויך געווען אין דער שווייץ, זי וויל אונז יא געבען, נאר...

— וואס נאר?

— נאר זי האט נישט קיין געלד.

## אפשר אין מאנדזשוריע?

### געשפרעך צווישען 2 לאדזער סוחרים

וואס זאגסטו, אפשר וואלט געווען א געשעפט אוועקצופאהרען קיין מאנדזשוריע עפענען זיך א מאנופאקטור־קרעמעל אין שאנכאי?

— א געשעפט וואלט עס אפשר געווען, נאר מ׳דארף צו ווארטען, ביז דארט וועט זיין איינגאנצען רואיג.

— אויב אזוי, מיינסטו דאך צו פאהרען אין א הונדערט יאהר ארום...

## היטלער צי הינדענבורג?

### ווי אזוי נאוואמיעסקער יודען פאליטיקירען

וואס איז דער חילוק פון היטלערן ביז הינדענבורגן?

ס׳איז אויך אזויפיל א חילוק, ווי אונזערס איינעו טרייבט איבער ס׳געשעפט אויפ׳ן הויפט נאמען...

—————

ווי ס׳זעהט אויס, וועט זיך דער איצטיגער פומ׳ער פריסטאר, נישט לאנג זיך האלטען אויפ׳ן בענקעל?

— און ווער וועט איהם פערטרעטען?

— וואס איז סארע שאלה? מסתמא סלאוועק.

— און ווער וועט זיין נאך סלאוועק׳ן?

— פערשטעהט זיך, העד פריסטאר.

## אין קאליע־גארטען

### זיין „אונבעשרייבליכע" ליבע צו איהר

זי: וואס איז דאס סארע חכמה? שטאטס א מילאסנע בריוועלע, האסטו מיר געשיקט א ליידיג בייגעלע פאפיר!

ער: דאס האב איך דיר געוואלט געבען צו פערשטעהן, אז מיין ליבע צו דיר איז „אונבעשרייבליך"...

## ס׳איז גארנישט!

### אבער פאר׳ן קאפ האט ער מורא

צום דאקטאר זלאטניק, קומט אריין א פאציענט מיט געשוואלענע מאנדלען.

— ס׳איז גארנישט — זאגט דער דאקטאר. מ׳וועט אייך אויסשניידען די מאנדלען, און איהר וועט האבען מנוחה.

אין א צייט ארום קומט ווידער דער פאציענט — א ערייטאג אין דער זייט.

— ס׳איז גארנישט — איך וועל אייך אויסשניידען די שליעפע קישקע, און איהר וועט האבען מנוחה.

מיט א צייט שפעטער, טרעפט דער דאקטאר דעם פאציענט, פרעגט ער איהם: וואס איז די מעשה, וואס מ׳זעהט אייך נישט?

דאסמאל האב איך מורא צו קומען צו אייך — כ׳ליידט אויף קאפ־שמערצען!..

—————

## געשעפטליכער געשפרעך

### אויפ׳ן לאדזער שטייגער

מארקוס הויזענצייג רעדט אויפ׳ן טעלעפאן מיט זיינעם א קונדע:

הער קרענטאטש?.. יא?.. איהר האט ווידער נישט אויסגעקויפט דעם לעצטען 500־ער — גנבים טון אזוי! באנדיט! טאשענציהער! איבערפאלער! בויכשניידער! לאבוו! גאסעניווג!

די פרוי רופט איהם: מארקוס, וועסט טרינקען א גלאז טיי?

— שטער נישט! דו הערסט דאך, אז איך רעד „געשעפטליך!.."

## געשלאסען די טיר פאר דער נאז...




פוילישער בירגער: וואס טו איך איצט מיט מיינע גאל־שטיינער?

## אלץ איינס!...

### אונטערגעהערטער געשפרעך אין א היגער יודישער באנק

באנק־דירעקטאר (צו א קליענט): כ׳פערשטעה, צוליב וואס איהר זענט געקומען — איהר דארפט מסתמא געלד, געטראפען?

קליענט: ס׳הייבט זיך נישט אן — כ׳בין אייך נאר געקומען מעלדען, אז כ׳האב מיך פערליבט אין אייער טאכטער.

דירעקטאר: נו, זעהט איהר, אז איך האב געטראפען!..

## אין ציווילשטאנד־אמט

### אונטער־געהערטער געשפרעך

בעאמטער (צו א יוד): וואס פערלאנגט איהר?

יוד: איך וואלט געוואלט ענדערען מיין נאמען.

בעאמטער: ווי הייסט איהר איצט?

יוד: יוסף מארשעליק.

בעאמטער: ווי וואלט איהר געוואלט הייסען?

יוד: יוזעף דזשאדעק!..

## קליינע אנאנסען

### צו יעדער אנאנסע צאהלט דער „קונדס" צו, צו 15 גר. פאר אווארט

פראטעסטען — פערקויף איך אויף מאקולאטור צו זעהר ביליגע פרייזען. ביי משה בעטצייג אויף דער אגראדאווא גאס.

—————

א צימער אהן אפטרעטגעלד — איך גיב אפ א שעהן, ליכטיג צימער, אהן באלקאן, אהן בעקוועמליכקייטען. ס׳קען זיין מיט בעקעסטיגונג און בעדינונג, צו דערוויסען זיך אויף דער „מילשא", פראנט 2־טען שטאק.

—————

פערלוירען 10 זל. — אהן בעזונדערע סמנים. דער עהרליכער פינדער וועט זיך מסתמא נישט געפינען.

—————

צו מיין סובלאקאטאר — וועלכער צאהלט מיר נישט קיין דירה־געלד, און ווארפט אייגלעך אויף מיין ווייב, זיך איך אנ׳עהרליכען מענש, וואס זאל מיר העלפען איהם ארונצווארפען פון 4־טען שטאק.

# דער קונדס

● הומאר ● סאטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

בייל‍אגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 111 · פרייטאג, דעם 13 מאי 1932

## די נייעסטע לאדזער „אקציען־געזעלשאפט"



### אין ווישניאווא גורא:

מעקלער: וויפיל דירות דארפט איהר?

ערשטער (פון דער געזעלשאפט): מיר האבען געגרינדעט אנ׳ „אקציען־געזעלשאפט" אויף צו דינגען א דאטשע אין ווישניאווא גורא.







אויבן רעכטס: אין בערלין ווערט געדרעהט א נייער פילם איבער'ן לעבען פון פרידריך דעם גרויסען.

אינדערמיט רעכטס: צום הונדערסטען יאהרצייט פון שעפער פון דייטשען פאלקסליד קארל פרידריך צעלטער.

אונטען רעכטס: רעוויע פון די בייסטע מאדעס אין גרונעוואלד אין בערלין.



דער אמעריקאנישער ריזען־דאמפער „לעוויאטאן", די שיף, וועלכע האט פריהער געהייסען „פאטערלאנד" איז איבערגעגעבען געווארען די"ך די טשלאנד אויפ'ן סמך פון ווערסאילער טראקטאט



ריזיגע פאבריק צו פערבר'ען אפפאל איז געעפענט געווארען אין דער שטאט ליאן (פראנקרייך)



די דירעקטאר'ען פון קרעגער־קאנצערן אויף דער בעשולדיגונגס־באנק.







אויבען לינקס: די אייזענגרובענס אין ראמעלסבערג (דייטשלאנד) זאלען אפגעשטעלט ווערען. די גרובענס זענען אלט טויזענד יאהר.

אינדערווייט לינקס: דער בעריהמטער פראנצויזישער באטור־פארשער קיוויע צום הונדערסטען יאהרצייט.

אונטען לינקס: די דרייסטע לופט־פליהערין עלי ביינהארן איז געקומען צו פליהען קיין סידני (אויסטראליען).







אויבען רעכטס: צוזאַמענשטויס פון צוויי צוגען ביים קוראָרט רייכענהאַל.

ני־ערזייט רעכטס: דער נייער היינע־דענקמאָל אין דיסעלדאָרף.

אויבען אינדערמיט: 1) אַ טאַנק פון וועלכען מ'האָט געמאַכט אַ וואוין־הויז. 2) אַ זעג־מאַשין פון אַן אַל־טען אויטאָמאָביל.

אונטען רעכטס: דער חנוכת־הבית פון דער ביבליאָטעק ביים דייטשען מוזעאום אין מינכען.















אויבען לינקס: ערעפנונג פון דער דייטשער קונסט־אויסשטעלונג אין קאָפּענהאַגען. לינקס: דאָס דענישע קעניגליכע פּאָרפּאָלק.

אינדערזייט לינקס: געבורטסטאָג פייערונג פון געוו. דייטשען קרוינפּרינץ. דער קרוינפּרינץ מיט גענ. מאַקענזען און אַנד. אָפיצירען וועלכע זענען געקומען איהם גראַטולירען.

אונטער אינדערמיט: אַ בילד פון דער מוראַ'דיגער בוי־קאַטאַסטראָפע אין ליאָן בעת וועלכער 60 מענשען זענען אומגעקומען.

אונטען לינקס: קאָנפערענץ פון קאַנצלער ברינינג ( ) מיט פאָרשטעהער פון דער אויסלענדישער פּרעסע.

